דאס מיינט אבער ניט טרינקען מערער און זינגען בקול רם,
ווארום דאס פועל'ט ניט אויף א גוי, ווארום א גוי איז מורגל בכך,
ער נעמט מערעד און שרייט. אויף א איד וואלט עס גע'פועל'ט ווייל
אידן זיינען ניט מורגל אין דעם, מ'דארף אבער פועל'ן אויף א גוי,
איז דאס ניט דורך טרינקען, נאר אעפ"י אז ער טרינקט ניט אעפ"כ זאל
ער שטיין בשמחה גלוי'.

ניט כדעת הטועים אז דורך דעם וואס זיי וועלן טרינקען משקה
וועט עס אראפנעמען די רפש וטיט פון נפה"ב און עס וועט מוסיף זיין
אין נפה"א, נאר אדרבה, ווי די שיחה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר וואס ער
האט דאס געזאגט און דערנאך געהייסן אפדרוקן, אז משקה איז א דבר
מאוס. און אט די וואס ווילן זאגן אז דאס גיט זיי א סיוע אין עבודה,
טוט מען אן דעם ענין אין א זיידענע זופעצע, און מ'איז נאך מוסיף
אז דער רבי וויל דאס.

דא איז ניט נוגע די אלע תירוצים ואמתלאות וואס מ'ענטפערט,
אז עס זיינען דא גרעסערע ענינים וואס מ'פאלגט ניט. דארף מען וויסן
אז דאס איז אויך ניט קיין קליינע זאך, ואדרבה, דאס קען זיין דער
אבן הבוחן צי ער האלט זיך אן דער קליאמקע צי ניט. דא איז ניט נוגע
די חכמה'לעך און די פשט'לעך וואס מ'לערנט, ווארום עס איז א ענין
וואס דער רבי האט געזאגט און געהייסן אפדרוקן אז עס איז א דבר מאוס.
און אויב עס וואלט ניט געווען קיין דבר גדול, פארוואס האט ער דאס
געהייסן אפדרוקן, ובמילא איז א סימן אז עס איז נוגע און ביז לדורי
דורות - אז משקה איז א דבר מאוס.

עס זיינען פאראן אזוינע וואס ניט נאר אז מ'נעמט אליין,
נאר מ'זעט אויך אז א צווייטער זאל נעמען, איש את רעהו יעזורו ולאחיו
יאמר חזק, וואס דעמאלט איז ווי די משנה זאגט אין אבות אויף דעם
דעם לשון וואס כ'וויל ניט זאגן. ואין להאריך בדבר המצער ומבהיל.
ועי"ז

ועי"ז גייט מען אראפ פון דרך הישר אין דרך עקלתון, ניט ווי די וואס מיינען אז מ׳קען זיין אין דרך הישר און אין דרך עקלתון – בקדושה קען ניט זיין ביידע ענינים, סיי דרך הישר און סיי דרך עקלתון, און אויב מ׳טרעפט אריין מיט איין הארעלע אין דרך עקלתון איז מען בדרך ממילא אוועק פון דרך הישר.

מען מיינט אז דורך דעם איז מען מגביר דעם נפה"א אויף דעם נפה"ב, דער אמת איז פארקערט, דורך דעם איז מען מגביר דעם נפה"ב אויף דעם נפה"א, און מ׳נוצט אוים אויף דעם די מחשבה וואס מען ווים א פרק תניא און א מאמר חסידות און א ווארט פון פארברענגען דברי התעוררות, אויף ארויסברענגען די פיתויי היצר, וואס ווי מ׳דופט אים אן אין תניא איז ער משוקץ ומתועב ומנוול ועי"ז וכו׳ וכו׳,

ונוסף לכל זה איז פאראן דאס וואס דערפון קומט ארויס א חילול השם, וואס חילול השם איז דאך ביי יעדערן לפי ערכו, ווי די גמרא (יומא פו,א) זאגט כגון אנא אי שקילנא בשרא מטבחא ולא יהיבנא דמי לאלתר, איז דאס ביי אים א חילול השם לפי מעמדו ומצבו.

מ׳דארף דאך אבער פארט ארויסברענגען די שמחה באופן כזה להראות אז אפילו אוה"ע זאלן דאס זען, איז דאס כנ"ל ניט ע"י משקה, און עס קען זיין ווי עס איז אמאל געווען אז דורך איין טראפן קען מען שוין זיין בשמחה, און טאמער דאס איז פאר אים אויך צופיל, קען ער יוצא זיין דערמיט וואס ט צווייטער האט גענומען א טראפן, און דאס קען ביי אים אויך פועל׳ן א שמחה גדולה.

ובפרט אז מ׳האלט נאך ניט אזוי ווייט, נאר עס זיינען פאראן די הגבלות פון שלשה וכו׳, און ניט ווי די וואס מיינען אז נעמען משקה איז א ענין, נאר אדרבה, דערמיט נעמט מען ראשו של מלך און מען איז דאס טומן במקום וואו דער יצה"ר געפינט זיך.

נאר שמחה דארף זיין באופן ער זאל ניט נעמען קיין משקה, ואעפ"כ וועט ער שטיין בשמחה גדולה, ביז עס וועט דאס דערזען דער גוי אשר בקרבך און דער גוי וואס איז בסביבתו, אז אויך אויף זיי זאל דאס פועל׳ן און עס זאל זיין אין אן אופן ווי דער סיום פון אורח חיים – וטוב לב משתה תמיד.